# פרשת תרומה

## **בס״ד. שיחת וא״ו תשרי, ה׳תשמ״ה.**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

תורה האָט קובע געווען, אַז ווי אַזוי ווייס מען ביי אַ קינד צו וועלכן פאָלק ער געהערט? — דאַרף מען זען צו וועלכן פאָלק ס׳געהערט די מוטער.

וואָס איינע פון די טעמים בזה,

[מ׳דאַרף טאַקע מקיים-זיין דעם אויבערשטנ׳ס אַ מצוה ניט קוקנדיק אויפן טעם. ״הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה״, און אויף יעדער מצוה וואָס מ׳מאַכט אויף איר אַ ברכה, איז דער לשון הברכה איז, ניט אַז אַזוי ווי אין דער מצוה איז דאָ אָט דער און דער תוכן, דערפאַר איז ער מקיים די מצוה, נאָר לשון הברכה איז: וויבאַלד אַז ״קדשנו במצוותיו וצונו״, אַזוי האָט דער אויבערשטער **אָנגעזאָגט** — דערפאַר טוט ער די מצוה!

אף על פי כי האָט דער אויבערשטער געוואָלט ובחסדו האָט ער מגלה געווען אַ טייל פון חכמתו וואָס ליגט אויך אין טעמי המצוות, וואָס טעמי המצוות, ווי דער אַלטער רבי זאָגט אין אגרת הקודש, איז דאָס מערניט ווי מגלה אַ מקצת],

וואָס איינע פון די טעמים אויף דערויף פאַרוואָס מ׳קוקט נאָך דער מוטער? — דערפאַר וואָס די פרוי האָט דעם גאַנצן ענין פון אַנטוויקלען דעם עובר, ובמשך פון **תשעה חדשים**, צוזאַמען מיטן צער וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, און די גאַנצע התפתחות און דער גאַנצער וואַקסן און די גאַנצע פאַנאַנדערטיילונג, אַז ס׳זאָל ווערן פון אַ ״טיפה סרוחה״ זאָל ווערן אַ לעבעדיקער מענטש — הענגט דאָס אָפּ אָן דער השתדלות פון דער פרוי.

במילא איז פאַרשטאַנדיק אין שכל הפשוט, אפילו אַז דערנאָך וואָלט **ניט** צוגעקומען אָט דאָס וואָס ער איז זקוק לאמו, ״צריך לאמו״, די ערשטע עטלעכע יאָר; דער עצם ענין ווי אַזוי אַ קינד ווערט באַשאַפן און דערנאָך געבאָרן לאחרי העיבור, איז פאַרשטאַנדיק בשכל הפשוט, אַז דאָס הענגט אָפּ אָן דער טבע האם: ״אוכל מה שאמו אוכלת״, און דאָס ווערט דם ובשר כבשרו. ועל דרך זה די כל חלקי גופו.

איז פאַרשטאַנדיק בשכל הפשוט, אַז דאָס איז קובע צו וועלכן פאָלק ער געהערט.

קומען צוגיין מענער, און נאָכמער פלא: קומען צוגיין פרויען, און האָבן זיך **איינגעשפּאַרט** אויף איבערשטעלן דעם טבע העולם. אַז ווי די מוטער איז, איז ניט קיין נפק״מ; וויבאַלד אָבער, אַז דער פאָטער געהערט צו דעם און דעם פאָלק, זאָל מען דערפאַר קובע זיין דעם אומה צו וועלכן דער קינד געהערט, זאָל מען קובע זיין לויטן פאָטער.

וואָס דאָס איז היפך השכל, היפך ההבנה והשגה. די גרעסטע **עוולה** און דער גרעסטער **גזל** וואָס מ׳קען פראַווען בהנוגע צו אַ מוטער — **אַז מ׳נעמט ביי איר צו איר קינד**, אויף וועלכן זי האָט **געהאָרעוועט** און געהאַט דעם צער העיבור און צער הלידה במשך פון ניין חדשים! און האָט דאָס געטאָן מתוך רצון אויף ברענגען אַ קינד אין וועלט.

קומט צוגיין איינער, אָדער צוויי אָדער מערער, און זאָגן: ניין! באַ זיי קומט אויס, און ווער וועט אין דערויף מחליט זיין? — מ׳וועט צוזאַמענקלייבן עטלעכע מענטשן און מ׳וועט זיי הייסן זיי זאָלן **שטימען**!



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תרומה

און ווי די אָפּשטימונג וועט זיין – אָט דאָס וועט משנה זיין דעם טבע פון אַ קינד פון אַ צווייטן פּאָר-פּאָלק !

ס׳איז דאָך **לא הי׳ אַזאַ שטות לעולם !**

וכאמור, דאָס איז ניט פאַרבונדן מיט אידישקייט; ס׳איז אַ יסוד אין אידישקייט, אָבער אפילו די וואָס מאיזו סיבה שתהי׳ ווילן זיי **ניט** האָבן צוטאָן מיט אידישקייט, זיי זיינען ניט קיין אידן, זיי געהערן צו אַן אַנדער פאָלק.

וואָס דערפאַר איז דאָס אַ ווענדונג, און אויך אַ השתדלות און אַ תקוה, אַז אַלע פרויען וועלן זיך צוזאַמענרעדן, אפילו פרויען פון ניט-אידישן פאָלק, צוזאַמען מיט פרויען פון אידישן פאָלק, און וועלן מאַכן, ס׳איז גאָר ניט שייך זאָגן אַ **מחאה**; אַ מחאה איז שייך צו מאַכן אַנטקעגן אַ דבר שיש בו ממש, אָט דעמאָלט על פי דין דאַרף מען מאַכן אַ מחאה, און ס׳דאַרף געוועין דריי יאָר ביז וואַנענט ס׳איז דאָ אַ חזקה וכו׳ וכו׳;

בשעת מ׳מאַכט אַן ענין פון גזל הכי גדול, לעיני כל בשר, און וואָס פאַר אַ גזל? – **מ׳נעמט צו אַ קינד פון זיין מוטער!** פאַרוואָס? – דערפאַר וואָס מ׳האָט צוזאַמענגעקליבן אַזויפיל און אַזויפיל מענטשן, וואָס די אַלע מענטשן האָבן אין זיך אַ צד-השוה וואָס זיי ווילן באַווייזן, אַז מ׳וויל עפּעס אויפטאָן, אָדער איזה טעם שיהי׳, וואָס אין כאן המקום להאריך אין אַן ענין וואָס איז ניט בטובתן של ישראל,

[מ׳געפינט זיך אין עשרת ימי תשובה, און מ׳דאַרף רעדן בטובתן של ישראל ובזכותן של ישראל, און אדרבא – זיי אַריינשלעפּן צוריק, דורך **אהבת ישראל** – אין **אחדות ישראל**].

בשעת אָבער בינתיים קומט פאָר אַן אסיפה, אָדער ס׳איז דאָ אַ ישוב הדעת: לויט וועמען זאָל מען קובע זיין די קביעות צו וועלכן פאָלק ס׳געהערט דער קינד – איז אַלע פרויען פון דער גאַנצער וועלט האָבן געדאַרפט אַרויס מיט אַ **שטורעם**, [און סוף כל סוף וועלן זיי זיכער מאַכן אַ שטורעם], אַז מ׳זאָל גאָר ניט צולאָזן אַ קא-סלקא-דעתך אַזאַ.

– "דבר אלקינו יקום לעד", איז אַ זיכערע זאַך אַז דער **אויבערשטער** וועט אויספירן, ס׳איז אָבער "יפה שעה אחת קודם", און דערווייל איז אַ רחמנות אויף אַ פּאָר-פּאָלק, צי פון אידן צי פון ניט-אידן, וואָס מ׳וויל צוגנב׳ענען, צוגזל׳ענען, פון דער מוטער איר קינד!

וואָס אַן אשה בישראל ווערט אָנגערופן "עקרת הבית", און לעתיד לבוא זאָגט מען "נקבה תסובב גבר" מיט די אַלע פירושים שבזה, און אויך איצטער איז כאמור לעיל, איז מוז מען אָנקומען צו "עזר כנגדו בכלל", ובחינוך הבנים והבנות במיוחד, "אקרויי ואתנויי ונטרי לגברייהו",

ביז ווי רבי עקיבא האָט געזאָגט, [וואָס כל תורה שבעל פה איז "כולהו אליבא דרבי עקיבא"], האָט ער געזאָגט, [און מ׳האָט דאָס אַריינגעשטעלט אין תורה שבעל פה אַלס אַ **הוראה**], אַז "שלי ושלכם" איז "**שלה הוא**"! און דאָס ווערט אַ חלק פון תורה שבעל פה.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.